בעזהשי"ת

# קונטרס סיפורים

# רבינו הקדוש רבי ר' אלימלך מליזענסק זי"ע

## בעל מחז"ס נועם אלימלך

לקט סיפורים ממקורות נאמנים

אשר באו בכתובים בי"ג חלקי ספרי

## יזקניך ויאמרו לך

*

יצא לאור לקראת יומא דהילולא קדישא

## כ"א אדר תשפ"א

קרית יואל יע"א

מערכת ׳זקניך ויאמרו לך
845-783-0735

# זקניך ויאמרו לך

## דער מגיד און רבי אלימלך דרייען זיך אין גן עדן התחתון

### עס דערציילט אונזער זיידע
### הרב החסיד רבי נחמן יאקאב שליט"א ירושלים

איך האב געהערט פון מו"ר הגה"ק רבי משה ארי' פריינד ז"ל גאב"ד ירושלים עיה"ק (וואס איך האלט פאר א זכי' צו זיין דער ערשטער תלמיד וואס האט ביי איהם געלערנט אין די תקופה וואס ער איז ארויפגעקומען קיין ירושלים עיה"ק נאך די מלחמה), דערציילן איבער אונזער הייליגער זיידע דער בעל הילולא קדישא מרן הקדוש רבי ר' אלימלך מליזענסק זי"ע ועכי"א בעל נועם אלימלך.

דער הייליגער דברי חיים ז"ל איז אמאל געווען ביים הייליגן ריזשינער ז"ל, עס איז געווען א זמן ווען עס איז געווען שווערע גזירות אויף אידישע קינדער ה"י, האט דער ריזשינער געזאגט "**דער זיידע רבי בעריש (המגיד הגדול ממעזריטש) און דער גרויסער רבי אלימלך, דרייען זיך אין גן עדן התחתון, און זענען ממשיך שפע פון גן עדן העליון, און זיי קוקן בכלל נישט אויף די וועלט, עס וועט זיין א גוטע עצה אז מ'זאל זיי ארויסטרייבן פון דארט, וועלן זיי מוזן קוקן אויף די וועלט**".

און דער הייליגער ריזשינער האט ממשיך געווען "זאגט צאנזער רב, איר זענט דאך פון בי"ד של מעלה, אויב זענט איר מסכים דערצו וועט אזוי זיין"...

דער צאנזער רב איז געבליבן שטיל און ער האט גארנישט געענטפערט אויף די ווערטער.

דער הייליגער רוזשינער האט איבערגעזאגט די ווערטער צום צווייטן מאל, און דער צאנזער רב האט ווייטער נישט געענטפערט. האט ער איבערגעזאגט א דריטע מאל שוין מיט א שארפערן טאן, האט דער דברי חיים געזעהן אז ער האט נישט קיין ברירה, האט דער צאנזער רב געזאגט "איך בין מסכים צו אלעס וואס דער רבי זאגט, אבער דער רבי זאגט, און נישט איך זאג דאס". ומי יבא בסוד ה'.

## די גרעסטע צדיקים דארפן אונזער טובה

### עס דערציילט אונזער רבי
### הרה"ח ר' עקיבא צבי גאנץ שליט"א

דער רבי זי"ע פלעגט אנצינדן פינף לעכט ביי די יארצייט פון די צדיקים אלס "נפש, רוח, נשמה, יחידא, חי'ה".

ביים יארצייט פון צדיקים פלעגט ער מקפיד זיין אז מ'זאל אלעמאל זאגן תחנון. ווייל עפ"י הלכה איז נישטא קיין סיבה נישט צו זאגן תחנון נאר אויב עס איז געווען א סיום הש"ס אין די קהילה. אויסער ביים יארצייט פונעם **רבי'ן ר' אלימלך** האט ער נישט געזאגט.

דער הייליגער **צאנזער רב זי"ע** איז אמאל אריינגעקומען אינעם יומא דהילולא פונעם הייליגן נועם אלימלך זי"ע און ער האט געזען ווי די חסידים טרינקען 'לחיים', האט ער געפרעגט צי מ'האט געזאגט 'די נשמה זאל האבן אן עלי', האבן די חסידים געענטפערט אז ניין, ווייל די נשמה פון רבי אלימלך איז זיכער אויף א געגוג א הויכע מדריגה.

האט דער דברי חיים געהייסן טרינקען נאך א לחיים, און וואונטשן "די נשמה זאל האבן אן עלי'", צוגעבנדיג אז אפילו די גרעסטע צדיקים דארפן צוקומען צו די טובה פון די פשוט'ע מענטשן אויף די וועלט, די נשמה גייט אלעמאל מעלה מעלה אלץ העכער און העכער עולמות עולמות".

## כ"א אדר הילולא קדישא פון רבי'ן ר' אלימלך מליזענסק זי"ע

### עס דערציילט אונזער זיידע
### כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

א. כ'האב אמאל געהערט פונעם טאטן כ"ק מרן רבינו הברך משה זלה"ה א אינטערעסאנטע זאך, אז עס איז געווען באוואוסט אז דעם רבי'ן ר' אלימלך'ס אייניקלעך זענען געווען ארימעלייט, און דעם רבי'ן ר' זושא'ס אייניקלעך זענען געווען עשירים.

כ'האב שפעטער געהערט, נישט פונעם טאטן ז"ל, אז באמת האט רבי אלימלך געוואלט אז די קינדער זאלן זיין עשירים, נאר לבסוף האט ער חרטה געהאט און ער האט געוואלט פארקערט. ביים רבי'ן ר' זושא איז געווען פארקערט, קודם האט ער

געוואלט אז זיי זאלן זיין ארימעלייט, און צום סוף האט ער געוואלט אז זיי זאלן זיין עשירים. דאס שטימט טאקע מיט דעם נוסח. אבער דאס האב איך שוין נישט געהערט פון טאטן ז"ל.

ב. כ'האב אמאל געהערט פון הרה"ח ר' חיים הערש יאקאבאוויטש ע"ה אז הרה"ק רבי אלעזר ריישער ז"ל (בן הרה"ק רבי אלימלך רודניקער ז"ל בא"ב פון הייליגן רבי'ן ר' אלימלך זי"ע, חתן בזו"ר ביי הרה"ק רבי דוד'ל קישאנוב'ער ז"ל בן מרן הדברי חיים ז"ל) האט געזאגט אז מ'קען ווען געהאלפן ווערן פון יעדן רבי'ן ר' אלימלך'ס אייניקל...

ער האט געזאגט בזה"ל "יעדער רבי אלימלך'ס אייניקל ווען ער איז נישט קיין פארעך איז ער א פועל ישועות". (פארע"ך איז געווען אן אויסדרוק אויף א בעל גאוה).

ג. ביים דברי חיים ז"ל האט פאסירט א מעשה אז מען האט אים בא'גנב'עט מיט געלט, ער איז געווען ממש אויס מענטש, ער איז געווען אינגאנצן צוקאכט דערוועגן, ער איז געלאפן דערוועגן אין מקוה. בקיצור, עס האט אנגעכאפט א שטעכעניש דעם גנב, און יענער איז געקומען צולויפן מיטן געלט און ער האט זיך מודה געווען. עפעס האט פאסירט אז ער האט געזעהן אז עס איז נישט קיין חכמות, און ער איז געקומען צו לויפן צום דברי חיים נאך יענע נאכט אפגעבן דאס געלט.

ווען דאס געלט איז צוריק געקומען האט זיך דער דברי חיים שטארק בארוהיגט, איז אויסגעקומען אז די זאך איז געווען אז דארט אין שטוב האט זיך געדרייט א איד וואס ער איז געווען דעם רבי'ן ר' אלימלך'ס אן אייניקל - ער האט געהייסן רבי פינחס דעמביצער אן אייניקל פון רבי אלימלך, ער האט טיילמאל משמש געווען דעם צאנזער רב, און ער איז געווען מיטן צאנזער רב דעמאלטס אין מקוה - איז אויסגעקומען אז עס איז געווען דער חשד געווען אויף איהם. אזוי האט געדארפט זיין אז ער זאל חושד זיין אז דעם רבי'ן ר' אלימלך'ס אייניקל זאל אים האבן בא'גנב'עט מיט געלט, מילא האט אים דאס אזוי באַרירט אז ער איז געווען אויס מענטש, ער האט פארארבעט א גרויסע עבודה בטבילה במקוה ביז ווען יענער איז געקומען און אפגעברענגט דאס געלט, דעמאלטס ווען ער האט געזעהן אז דאס איז געווען א צווייטער האט ער זיך בארוהיגט, דעמאלטס האט מען געזעהן אז נישט דאס געלט איז געווען די זאך, נאר דאס אז ער האט געדארפט האבן א חשד אויף אן אייניקל פונעם רבי'ן ר' אלימלך.

ד. דער זיידע דער ישמח משה האט געזאגט אז דער רבי ר' אלימלך האט א הקפדה אויף אים, אויף דעם וואס ער איז נישט געקומען צו אים.

דער ישמח משה איז געווען בימיו פונעם רבין ר' אלימלך רב אין שינאווא, שינאווא איז דאך נישט ווייט פון ליזענסק, און אין שינאווא האבן געוואוינט חסידים, האט דער רבי ר' אלימלך געזאגט פאר די חסידים פון דארטן, אז זיי זאלן זעהן אים צו ברענגען, ער האט געזאגט אינטערסאנט 'איך קען נישט צו אים פארן, ער מוז קומען אהער', און האט זיי געזאגט 'ער האט א הויכע נשמה און מ'קען מיט אים עפעס מאכן'.

אז די חסידים האבן אזוי געהערט פונעם רבי'ן, האבן זיי געארבעט אז דער ישמח משה זאל פארן קיין ליזענסק, זייערע ווערטער האט עושה רושם געווען אויף אים, און ער האט באשלאסן אז ער פארט. אויפן וועג האט ער זיך באגעגנט מיט איינעם א תלמיד חכם, און יענער האט אים געפרעגט וואו ער פארט, האט ער געזאגט אז ער פארט קיין ליזענסק, האט יענער אים געזאגט 'אזא גאון ווי אייך זאל פארן צו א רבי'ן?!, ס'איז נישט קיין כבוד התורה, און ער האט זיך צוריק געדרייט. דער ישמח משה האט געזאגט אז שטענדיג איז ער מתחרט אויף דעם וואס ער האט נישט געזעהן דעם רבי ר' אלימלך.

דער ישמח משה האט געזאגט אז ער האט נישט געזעהן דעם רבי ר' אלימלך ביי די הקפות אזויפיל מאל וויפיל ער זעהט אנדערע צדיקים לאחר פטירתם, און דאס איז ווייל ער האט א הקפדה אויף אים אז ער איז נישט געקומען צו אים בחיים חיותו.

## דעם "צעטיל קטן" ראש השנה ביינאכט

### עס דערציילט אונזער זיידע
### הרה"ח ר' שמואל הכהן פריעדמאן שליט"א
*משב"ק*

עס איז ידוע אז הרה"ק **רבי איציקל פון פשעווארסק ז"ל** איז געקומען צו פארן פון אנטווערפן לעת זקנותו צו רביה"ק **בעל דברי יואל זי"ע** אויף ראש השנה שנת תשכ"ח לפ"ק.

דער רבי ז"ל האט זיך געפירט אז מיטל-נאכט פון אלע ימים טובים און אויך פון ראש השנה פלעגט ער נישט אריינקומען אין ביהמ"ד הגדול צו מעריב ווייל ער האט

געדאווענט מעריב די צווייטע נאכט יו"ט זייער שפעט מיט א מנין אין קליינעם ביהמ"ד ביי זיך אין הויז (500 בעדפארד עוו.).

איז פאר מיר אויסגעקומען מיטצוגיין מיט עטליכע בחורים צו הרה"ק רבי איציקל ז"ל וואו ער האט געדאווענט מנחה און מעריב וואס דאס איז געווען אין הויז פון זיין אייניקל יבדלחט"א דער איצטיגער **פשעווארסקער רבי שליט"א** וואס האט געוואוינט נעבן זיין שווער דער **לאנצוטער רבי ז"ל** אויף ראדני סט.

מיר זענען אריינגעקומען אין דעם צימער וואו מ'האט געדארפט דאווענען מעריב, אבער מ'האט נאכנישט געדאווענט ווייל מ'האט געווארט אויף רבי איציקל ז"ל אז ער זאל אריינקומען צום דאווענען. עס איז אונז אויסגעקומען צו כאפן א בליק צווישן די שפאלטנס פון די טיר אין דעם שטוב וואו רבי איציקל איז דעמאלטס געווען, וואס צוליב זיין שוואכקייט איז ער געווען אין א בעט וואס איז געווען אויפגעהויבן סיי פון קאפנס און סיי פון די צווייטע זייט ביי די פיס, ווייל ער האט שטארק געליטן אויף די פיס סוף ימיו כידוע. האבן מיר געזען ווי ער זיצט אויפ'ן בעט מיט'ן שטריימל אויפ'ן קאפ, און אנגעטון מיט'ן רעזשוואלקע, און ער האלט אין די האנט א ספר אין וועלכן עס האט זיך אנגעזען אז ער האט געקוקט דערין מיט גרויס עיון, שטארק פארטיפט און צעקאכט.

פאר גרויס נייגעריגקייט איבער די עבודה פון דעם צדיק צו וויסן אין וואס ער איז אזוי שטארק מעיין מיט א הכנה ראש השנה ביינאכט פאר מעריב, איז אונז געלונגען צו זעהן פון א זייטן טיר אז ער לערנט אינעם ספה"ק נועם אלימלך, און ער האט געלערנט נישט עפעס אנדערש ווי דער "צעטיל קטן" וואס האט אויסגעזען ווי ער לערנט דארט זאכן וואס ער האט נאך קיינמאל נישט געזען...

## דער רבי ר' אלימלך איז דער זיידע פון כלל ישראל

### עס האט דערציילט מיין זיידע
### הרה"ח ר' חיים פרנס ז"ל מ'סטראפקוב

מיט עטליכע חדשים צוריק איז מיין זיידע הרה"ח בנש"ק ר' חיים פרנס ע"ה געפארן מיט אלע קינדער שיחי' קיין שינאווע צום יארצייט פון אונזער זיידן הרה"ק בעל **דברי יחזקאל זי"ע**, וואס געפאלט אויס ו' טבת. צוויי טאג פאר די נסיעה איז ער אריינגעגאנגען נעמען א ברכת פרידה פון כ"ק מרן **רבינו שליט"א**.

דער רבי שליט"א האט זיך פאראינטערעסירט איבער די פרטי הנסיעה וואו מ'וועט זיין, און מיין טאטע הרה"ח בנש"ק ר' **אשר ישעי' הורוויץ הי"ו**, וועלכער האט ארגאניזירט די נסיעה, האט געזאגט אז מ'פלאנט צו זיין ביי אונזערע גרויסע זיידעס, אין צאנז ביים **דברי חיים ז"ל**, אין שינאווע ביים **דברי יחזקאל ז"ל**, אין קאשוי ביים **סטראפקוב'ער רב ז"ל**, אין לאנצוט ביים **ראפשיצער רב ז"ל**, אין יעריסלאוו ביי הרה"ק **רבי שמעון יעריסלאווער ז"ל**.

האט דער רבי געפרעגט "וואס טוט זיך מיט ליזענסק? ווען וועט מען זיין ביים **רבי'ן ר' אלימלך**?".

האט מיין טאטע געענטפערט אז די נסיעה איז אויסדרוקליך נאר צו קברי אבות, און מיר גייען יעצט נאר צו אונזערע זיידעס.

האט דער רבי געזאגט: "**דער רבי ר' אלימלך איז דער זיידע פון כלל ישראל!**, מ'פלעגט זאגן אז "**מען איז געווען אין וויען און מען איז נישט געגאנגען צום קייזער?" מ'דארף זען צו גיין צום הייליגן רבי'ן ר' אלימלך זי"ע**".

כמובן אז פקודתו שמרה רוחם, און זיי זענען אויך געפארן קיין ליזענסק צום רבי'ן ר' אלימלך זי"ע, און גע'פועל'ט אלעס גוטס.

## ויקרא בהם שמי

### עס האט דערציילט מיין זיידע
### הרה"ג ר' מאיר יודא קטינא שליט"א
ר"מ בישיבה"ק

איך האב געהערט פון הגה"צ **רבי דוד מייזליש שליט"א רב דקהלתינו הק' אין מאנטרעאל**, אז ער איז אמאל געווען אויף א ברית אין לאנדאן, און דער בעל ברית האט דערציילט אז ער האט געוואלט צוגעבן א נאמען פאר'ן קינד און ער האט נישט געוואוסט וואספארא נאמען צו געבן. זעענדיג א ספה"ק נועם אלימלך וואס איז געלעגן אויפ'ן טיש האט ער געזאגט פאר די ב"ב אז ער האט חשק צו געבן א נאמען אלימלך נאכ'ן **רבי'ן ר' אלימלך זי"ע**.

האט די יולדת געזאגט אז דאס ענין פון צוגעבן א נאמען דאס באלאנגט פאר א רבי'ן, און ער זאל רופן פרעגן דעם רבי'ן.

דער יונגערמאן האט אנגערופן קיין אמעריקע צום רבי'ן **מרן רבינו הברך משה זלה"ה**, און געזאגט אז ער וויל צוגעבן א נאמען פאר דאס קינד, וועלכע נאמען ער זאל געבן.

רופט זיך אן דער רבי בזה"ל: "נו, עס איז דאך יעצט חודש טבת, אין דעם חודש איז די יארצייט פונעם הייליגן בני יששכר, י"ח טבת, כידוע דער בני יששכר האט געהייסן הערש אלימלך, אבער באמת װאלט ער געדארפט הייסן אלימלך אליין, כידוע דער הייליגער רבי ר' אלימלך האט געזאגט אז "הערש איז נישט קיין מיילעך"... גיב צו דעם נאמען אלימלך נאכ'ן רבי'ן ר' אלימלך זי"ע".

דער יונגערמאן איז געבליבן שטיין פאר התפעלות ווי דער רבי האט תופס געווען זיין מחשבה איבער דעם נאמען וואס ער האט געוואלט געבן.

## דער נועם אלימלך אלס סגולה

### עס דערציילט אונזער איידע
### הרה"ח ר' שמעון ירוחם הירש הי"ו

נאכ'ן קריג האט מיין טאטע הרה"ח ר' משה יודא ע"ה געוואוינט אין אונגארן, און ער איז דארט געווען שוחט אין נירעדהאז.

אין איינע פון די טעג ווען א איד איז געקומען צו אים שחט'ן א עוף האט ער זיך זייער אויסגערעדט אז ער האט שוין געהאט ניין קינדער, און אלע קינדער זענען ליידער אוועק ביים געבוירן, און ער האלט יעצט ביים צענטן קינד, און ער ציטערט וואס עס וועט זיין מיט דאס קינד.

זאגט אים מיין טאטע "איך האב ביי מיר דעם ספה"ק "נועם אלימלך" דפוס ראשון, און עס איז מקובל אז דאס איז א ישועה. און מיין טאטע האט מיך געהייסן אריבער טראגן דעם ספר פאר דעם איד. אבער איך האב פארגעסן דאס צו טראגן אויפ'ן פלאץ.

א קורצע צייט שפעטער האבן מיר געהערט אז די מאמע מיט'ן ניי געבוירן קינד זענען ל"ע אין א גרויסע סכנה, האט מיר מיין טאטע באלד דערמאנט אז איך זאל שוין אריבער טראגן דעם ספר, איך בין אריבער געלאפן מיט'ן ספר וואס מ'האט געלייגט אונטער'ן קושן, און די מאמע מיט'ן קינד זענען געזונט געווארן און געבליבן לעבן.

# א ישועה למעלה מדרך הטבע

### עס דערציילט מיין עלטער זיידע
## הרה"ח ר' פישל פריעדמאן ע"ה

עס איז געווען אין די תקופה פון די ערשטע וועלט מלחמה בשנת תרע"ה, איז אנגעקומען קיין סעליש א מיליטערישער דאקטאר, און מ'האט געשמועסט אז דער דאקטאר איז גרייט פאר א גוטע סומע געלט צו באפרייען אלע סעלישע אידן פון מיליטער דינסט.

דער אכסניא פונעם דאקטאר איז געווען אין א געוויסע קווארטיר וואו עס זענען איינגעשטאנען סוחרים וואס זענען געקומען האנדלען אין די שטאט.

מיין פאטער הרה"ח ר' ארון סעלישער ע"ה פלעגט האנדלען מיט האלץ וואס ער האט געברענגט פון קאניזשא, ווי זיין פאטער הרה"ח ר' יודא ארי' ע"ה האט געוואוינט, און ער האט דאס אהינגעברענגט אין יענעם קווארטיר וואו די סוחרים זענען איינגעשטאנען. דעריבער האבן אים די שטאטס-לייט געבעטן אז גייענדיג אין יענעם קווארטיר זאל ער זיין דער שליח אונטערצוקויפן דעם דאקטאר און באצאלן דאס געלט אז ער זאל באפרייען די אידן פון סעליש.

דער טאטע האט טאקע אזוי געטון און דער דאקטאר האט באפרייט די סעלישע אידן. ווערנדיג נאנט מיט'ן דאקטאר איז ער געפארן מיט אים קיין חוסט און פון דארט קיין וואלאווע, און איבעראל האט ער גערעדט מיט די ראשי הקהילה וואס האבן באצאלט דאס געלט, און דער דאקטאר האט פארשריבן אז זיי זענען באפרייט פון מיליטער דינסט.

צוליב דעם ענין וואס האט זיך געגרעניצט מיט הצלת נפשות, האט דער טאטע ממשיך געווען דערמיט אפילו עס האט זיך דערנענטערט דער יו"ט שבועות, אזוי איז אויסגעקומען אז ער איז פארבליבן איבער שבועות אין וואלאווע.

זייענדיג אויף שבועות אין וואלאווע איז צו אים אנגעקומען די ידיעה אז מ'האט געכאפט דעם דאקטאר ביי די מעשה, און מ'האט אים ארעסטירט. ער האט זיך זייער דערשראקן ווייל ער איז דאך געווען דער עסקן וואס האט פארהאנדלט מיט'ן דאקטאר אין דעם ענין, און ער איז זיכער געווען אז באלד וועט מען אים קומען זוכן.

האט ער אנגעפרעגט דעם שטאטס רב הגה"צ רבי ישראל יעקב יוקל טייטלבוים זצ"ל (א זון פון הגה"צ רבי שמואל טייטלבוים זצ"ל אב"ד גארליץ בן הגה"ק ר' אלעזר ניסן זצוק"ל, און איידעם פון זיין פעטער הגה"ק בעל ייטב לב זי"ע. הגה"צ רבי ישראל

יעקב יוקל זצ"ל איז געווען דער פאטער פון הגה"צ רבי אהרן טייטלבוים זצ"ל הי"ד, דער שווער פון מרן רבינו בעל ברך משה זי"ע) וואס ער זאל טון, און ער האט גע'פסק'עט, אז אזוי ווי דאס איז אן ענין וואס גרעניצט זיך מיט פיקוח נפש, דערפאר מעג ער אנטלויפן אפילו חוץ לתחום אום יו"ט שבועות.

ער האט באלד געהויבן פיס און געמאכט פליטה. ער איז אנגעקומען צו א דארף מיט'ן נאמען מיידאן, און ער האט זיך דארט אויסבאהאלטן ביז נאך יו"ט.

נאך יו"ט איז ער ווייטער געלאפן ביז סאטמאר, און ער איז אריינגעגאנגען צו כ"ק מרן רבינו הקדוש זי"ע, וועלכער איז אין יענע יארן געווען אורשיווער רב, און במשך די מלחמה יארן האט ער זיך אויפגעהאלטן אין סאטמאר.

ווען ער האט דערציילט פארן רבי'ן די גאנצע מעשה, האט אים דער רבי געזאגט אז ווען מ'וועט אים רופן צום אויספארשונג זאל ער לייקענען שטיין און ביין און זאגן אז ער האט נישט קיין השגה פון די גאנצע זאך.

דער טאטע האט אבער געזאגט פארן רבי'ן אז עס האט נישט קיין זין צו לייקענען ווייל עס איז נישט קיין סוד און יעדער ווייסט אז ער איז געווען דער וואס האט פארהאנדלט מיט'ן דאקטאר, און ווי קען מען בכלל לייקענען אזא באקאנטע זאך.

האט אים דער רבי געענטפערט בזה"ל "נקוט האי כללא בידך, זיי זענען דער מקור השקר, מיט אמת וועסטו זיי נישט קענען בייקומען, נאר מיט'ן שקר וועסטו זיי קענען בייקומען".

וויסנדיג אז מ'זוכט אים איז דער טאטע נישט אהיימגעפארן קיין סעליש, נאר ער איז געבליבן באהאלטן אין סאטמאר.

עס איז געקומען פרשת בלק האט דער טאטע געלערענט אינעם ספה"ק נועם אלימלך, אין די תורה אויפ'ן פסוק "יזל מים מדליו", האט ער געזען ווי דער רבי ר' אלימלך זי"ע איז מסביר אז א צדיק קען העלפן א איד אפילו מיט א ישועה חוץ לדרך הטבע. איז ער נאכאמאל אריין צום רבי'ן און געוויזן דעם שטיקל בעטנדיג, אז דער רבי זאל משפיע זיין א ישועה אפילו חוץ לדרך הטבע.

דער רבי האט זיך אויפגעשטעלט פון פלאץ און ער האט שפאצירט איבער'ן צימער אהין און צוריק, און זיין צורה איז געווען זייער פארפלאמט, ביז ווען ער האט זיך אנגערופן "ווילסט אז איך זאל אוועקנעמען פון דיינע זכותים?! דו ביסט נאך צי יונג דערפאר"... דער טאטע האט פארשטאנען וואס דער רבי מיינט, האט ער שוין גארנישט געבעטן, און ער איז געבליבן ווייטער אין סאטמאר.

אין נאכט איז ער געוואויר געווארן, אז די פאליציי פון סעליש איז אנגעקומען קיין סאטמאר. האט ער פארשטאנען אז מ'מיינט אים, האט ער תיכף ומיד געמאכט פליטה און כחצות הלילה איז ער אנגעקומען קיין ראצפערט.

אין יענע יארן האט אין ראצפערט געוואוינט הרה"ק רבי ישכר דוב מבעלזא זצוק"ל, וועלכער איז אנטלאפן פון גאליציען און ער האט געוואוינט אין די מלחמה יארן אין ראצפערט.

דער טאטע איז אריין אל הקודש פנימה און ער האט זיך מזכיר געווען אויף די צרה וואס האט אים באטראפן, און ווי אזוי ער איז שוין אזוי לאנג נע ונד, און ער וויל שוין קענען אהיימגיין קיין סעליש און זיך פאראייניגן מיט זיין משפחה.

ווען דער בעלזער רב האט געהערט זיין בקשה האט ער זיך צעשריגן "די גאנצע וועלט וואלגערט זיך ארום אין א שווערע גלות, און דו יונגערמאן ווילסט אהיימגיין?"

דער טאטע האט געזען, אז סיי דער רבי און סיי דער בעלזער רב זענען ביי די מיינונג אז ער זאל נאכנישט אהיימגיין (ער פלעגט זאגן אז זיי האבן זיך טעלעפאנירט...), איז ער געבליבן אין די באהעלטעניש ביז ווען ער האט געהערט אז די סעלישע פאליציי זענען שוין אוועקגעגאנגען פון סאטמאר, דאן איז ער צוריק געפארן קיין סאטמאר און ער איז שוין דארט געבליבן.

איינמאל קומט דער רבי צו צו אים און ער זאגט אים "ווילסן אהיים פארן? פאר אהיים לחיים ולשלום".

דער טאטע מיט זיין אמונת צדיקים איז דאן אהיימגעפארן קיין סעליש, און ער האט דארט צוריק אנגעהויבן צו האנדלן און פירן געשעפטן.

איינמאל ווען ער איז געפארן קיין מונקאטש צוליב זיינע געשעפטן איז ער ארויף אויפ'ן צוג, דארט זענען געווען עטליכע סאלדאטן וואס האט אים דערקענט, זיי האבן אים געפרעגט צו ער הייסט 'פריעדמאן' האט ער געענטפערט אז יא, האבן זיי אים גענומען און געפירט קיין בערעגסאז וואו זיי האבן אים געשטעלט צום געריכט.

זייענדיג דארט אין בערעגסאז האט ער געהאט פארשידענע געלעגנהייטן צו קענען אנטלויפן פון תפיסה און זיך ראטעווען, אבער זייענדיג א חסיד פונעם רבי'ן האט ער נישט געוואלט אנטלויפן, וויבאלד דער רבי האט אים געהייסן אהיימפארן, און דער רבי האט אים נישט געהייסן אנטלויפן, און דערפאר וויל ער יעצט ערלעדיגן דעם גאנצען ענין בזכות פונעם רבי'ן.

לפלא איז געווען ווען עס איז געווען זיין משפט האט ער געטון ווי דער רבי האט אים געהייסן, ער האט געליקנט שטיין און ביין אז ער ווייסט פון גארנישט, און זיי האבן אים פריי געלאזט אן קיין שום עונש.

## אין זכות פון לערנען נועם אלימלך

### עס האט דערציילט מיין עלטער-מומע ע"ה אשת
### הגה"צ רבי שלמה זלמן פריעדמאן זצ"ל אב"ד טענקא

דער טענקער רב ז"ל האט זיך געפירט אז יעדן פרייטאג צונאכטס האט ער געלערנט פונעם ספר הקדוש '**נועם אלימלך**'.

איין וואך איז פארגעקומען א שלום זכר אין זיין ביהמ"ד, און ער געטראכט אז ער וועט קודם גיין צום שלום זכר, און נאכדעם וועט ער לערנען דעם ספה"ק נועם אלימלך כמנהגו. למעשה, ווען ער איז צוריקגעקומען אין שטוב איז שוין געווען שפעט, איז ער זיך געגאנגען לייגן און ער האט פארגעסן צו לערנען דעם קביעות'דיגן שיעור.

אביסל שפעטער האט ער זיך אויפגעוועקט און ער האט זיך דערמאנט אז ער האט נאכנישט געלערנט דעם שיעור אין נועם אלימלך. איז ער אויפגעשטאנען און ער האט זיך געזעצט לערנען דעם שיעור.

פלוצלינג האט ל"ע אויסגעבראכן א שרעקליכע שריפה אין די דירה און עס האט זיך אנגעכאפט דאס גאנצע הויז, און ליידער איז אלעס ארויף אין פלאמען, אויסער 'דער הייליגער ספר נועם אלימלך'. שלא כדרך הטבע איז דער ספר געבליבן גאנץ אומבארירט.

נאך א מזל אז דער רב ז"ל איז אויפגעווען און געלערנט, איז ער באצייטנס ארויסגעלאפן פון צווישן די פלאמען, און בדרך נס האט ער זיך געראטעוועט מיט די רביצין ע"ה. אבער מ'האט זיי ביידע געדארפט אריינפירן אין שפיטאל וואו זיי האבן געדארפט זיין עטליכע וואכן פאר באהאנדלונגען.

עס איז געווען אזא חידוש אז ער איז געראטעוועט געווארן, אז עטליכע וואכן שפעטער זענען די פייערלעשער אריבערגעקומען אין שפיטאל, ווילנדיג זען די מענטשן וואס זענען אזוי וואונדערליך געראטעוועט געווארן פון דעם שרעקליכן פייער.

דער טענקער רב ז"ל פלעגט דערציילן די מעשה, און אלץ תולה געווען אז ער האט זוכה געווען צו ניצול ווערן פון די שריפה בזכות דעם וואס ער האט געלערנט דעם ספה"ק נועם אלימלך.

## דער רבי לערנט נועם אלימלך

### עס דערציילט אונזער זיידע
### הרה"ח ר' יעקב עקיבא וויינשטאק הי"ו משב"ק

אין די יארן וואס איך האב זוכה געווען צו משמש זיין בקודש פנימה ביי רביה"ק הדברי יואל זי"ע, האב איך זוכה געווען צו זעהן ווי דער רבי האט יעדע נאכט עוסק געווען אין ספה"ק חובת הלבבות, ער האט דאס געלערנט על הסדר פון אנהויב די הקדמה ביז'ן הסוף, אויך שער היחוד. איך האב געזען אז בערך אין אנדערהאלבן יאר האט ער געהאט דורכגעלערנט דעם גאנצן ספר.

אזוי אויך האב איך געזען יעדן מוצאי שב"ק, באמת איז דאס שוין געווען זונטאג פארטאגס ווען דער רבי האט געענדיגט זיין עבוה"ק, האט דער רבי געלערנט פון ספה"ק נועם אלימלך. אין די דברים סדרות וואו עס זענען נישטא אסאך תורות האט ער אריינגעקוקט אויך אין ליקוטי שושנה.

ס'איז א פלא אז כאטש ער איז געווען אזוי פארקאכט אין ספה"ק נועם אלימלך, האט ער נישט נאכגעזאגט קיין סאך דערפון ביי די הייליגע תורות.

## דער הייליגער רבי אלימלך נעמט זיך אן פאר זיין מנין...

### עס דערציילט אונזער זיידע
### הרה"ח ר' ברוך מרדכי ליכטענשטיין שליט"א

מיין טאטע הרה"ג **רבי יצחק ליכטענשטיין ז"ל** איז געווען א זון פון הרה"ג **רבי ברוך ליכטענשטיין ז"ל**, חתן דודו הגה"צ **רבי מרדכי ליכטענשטיין זצ"ל דער טשירטשער רב**, מ"מ חותנו הגה"צ **רבי משה מאיר גאלדבערגער זצ"ל אב"ד טשירטש**, וועלכער איז נתמנה געווארן אויף דעם פאסטן לבקשתו פון מרן הגה"ק בעל **דברי חיים זי"ע**. (בס' מלחמת מצוה (סיגעט) איז געדרוקט א בריוו פון רבי משה מאיר ז"ל לימין מרן הקדיו"ט ז"ל, ובס' תיקון עולם (מונקאטש) נמצא חתימת רבי מרדכי על הקו"ק נגד האגודה).

האב איך געהערט פון מיין טאטן ז"ל, אז אמאל האט דער זיידע רבי משה מאיר געבעטן פונעם איידעם רבי מרדכי אז ער זאל קומען מיט אים אין א דערפל וואס איז געווען אין זיינע גלילות, מבקר חולה זיין א יונגערמאן וואס איז נישט געזונט געווען ל"ע.

אויפ'ן וועג האט זיך דער זיידע דער טשירטער רב שטארק פארטראכט, מיטאמאל האט דער זיידע געהערט ווי דער שווער זאגט "דער **רבי ר' אלימלך זי"ע** וואלט זיך געמעגט מיען פאר אים"...

ווען זיי זענען אנגעקומען צום חולה אין שטוב איז ער געווען אין א מצב פון גסיסה ל"ע, און עס איז געשטאנען מנין ארום דעם בעט גרייט אויף יציאת נשמה.

מיטאמאל עפנט דער חולה די אויגן, און ער הייבט אן צו דערציילן אז ער האט מיטגעהאלטן ווי מ'איז אים דן ביים בי"ד של מעלה, און מ'האט גע'פסק'עט אז הגיע זמנו נפטר צו ווערן.

מיטאמאל קומט אן דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע און טענה'עט פאר'ן בי"ד של מעלה אז ער איז נאך א יונגער מענטש, און ער האט א שטוב מיט קליינע קינדער, ואלו הצאן מה חטאו.

ווען דער רבי ר' אלימלך האט געענדיגט זיך אננעמען פאר דעם יונגערמאן, פרעגט אים דער בי"ד של מעלה צי ער האט א שייכות צו אן ערליכן איד אויפ'ן עולם התחתון. האט ער געזאגט אז ער האט שייכות מיט'ן טשירטער רב. האט דאס בי"ד של מעלה גע'פסק'עט אז אויב ער נעמט זיך אונטער צו זיין ביים רב כאטש איינמאל א חודש, קען ער פארבלייבן אויף דעם עולם כדי צו קענען מגדל זיין זיינע קינדער.

דער חולה האט זיך מקבל געווען, און דאן איז ער צוביסלעך צוריקגעקומען צו די כוחות, ביז ווען ער איז געזונט געווארן כאחד האדם.

דער זיידע האט דאך מיטגעהאלטן וואס דא איז געווען, און ער האט דאך געזען די עבודה וואס דער שווער האט פאראַרבעט אונטערוועגנס, האט ער געבעטן אז דער שווער זאל אים דערציילן וואס עס איז דא פארגעקומען.

האט דער טשירטשער רב געענטפערט: דער איד איז זייער א פשוט'ער איד, אבער אן ערליכער, ער האלט אין שטוב עטליכע ספרים אין וועלכן ער קוקט אריין, און אויך אלס סגולה... אין דעם דארף וואוינט א קנאפער מנין, איז עפ"י רוב אינדערוואכן נישטא קיין מנין ווייל די איינוואוינער פארן ארויס צו מאכן פרנסה. דער יונגערמאן וויל אבער דאך דאווענען מיט מנין, נעמט ער יעדן טאג ארויס זיינע ספרים

פון שאנק, און ער לייגט דאס אראפ אויפ'ן טיש מיט זיין גרויס תמימות, און אזוי איז ער משלים זיין מנין מיט די ספרים...

צווישן די ספרים וואס דער תמימות'דיגער איד נעמט ארויס יעדן איינציגן טאג איז דער ספה"ק נועם אלימלך, ווייל ער האלט דאס פאר א ספעציעלע חשיבות, דעריבער האב איך געשפירט אז פאר אזא איד איז דאס געווען אז דער הייליגער רבי ר' אלימלך זאל זיין א מליץ יושר פאר א איד וואס דאווענט יעדן טאג מיט זיין מנין...

## הושענא רבה דרשה אום תשעה באב

### עס דערציילט אונזער זיידע
### הרה"ח ר' שמואל הכהן פריעדמאן שליט"א משב"ק

עס איז מיר אויסגעקומען אמאל אין די אנהויב ל' יארן צו זיין ביי שלש סעודות אין א שבת שחל בט' באב ביי הצדיק **רבי יחזקאל'ע מערץ ז"ל** אין זיין ביהמ"ד תולעת יעקב אין וויליאמסבורג.

איך האב געהערט אז יעדן שב"ק ביי ס"ג פלעגט ער פארלערנען א שטיקל אין ספה"ק נועם אלימלך אויף די סדרה, און פון ווען רביה"ק זי"ע איז נישט געזונט געווארן (שבת שקלים תשכ"ח), פלעגט ער אויך פארלערנען ביי ס"ג פון חידושי תורה שנת תשט"ז פון רביה"ק ז"ל, ווייל ביז דעמאלטס האט ער געהאט א קביעות צו קומען יעדע וואך צו שלש סעודות צום רבי'ן ז"ל, נאכדעם וואס ער האט געענדיגט שלש סעודות ביי זיך אין ביהמ"ד.

עכ"פ יענעם שבת שחל בט' באב האט ער געזאגט אז אזוי ווי דער רבי זאל זיין געזונט (זי"ע) אין אזא שבת ווי יעצט זאגט ער נישט קיין תורה ביי שלש סעודות, וועט ער נישט פארלערנען קיין נועם אלימלך, און נישט קיין חידו"ת אויף די סדרה, נאר ער האט אויפגעמישט די חידו"ת תשט"ז אנפאנג ביי הושענא רבה, און ער האט פארגעלערנט א חלק פון די דרשה להושענא רבה מיטט גרויס דבקות און בכיות, און ווען עס איז געקומען צו א שטיקל הערה בדבר תורה (בד"ה מורי ורבותי נסמוך עצמינו וכו' נאמר בקיצור הערה קטנה דאיתא במשנה וכו') האט ער אויסגעלאזט עטליכע שורות, און ער האט ווייטער ממשיך געווען מיט גרויס התעוררות און בכיות פארצולערנען די דברי מוסר וכיסופין אויף די גאולה שלימה.

## הצדיק אבד

### עס דערציילט אונזער זיידע
### הרה"ח ר' שמואל יעקב טעללער הי"ו

שטייענדיג נאך די גרויסע אבידה מיט די פטירה פון **כ"ק הגה"צ רבי חיים מערץ זצ"ל אב"ד תולעת יעקב**, וואס כידוע איז ער געווען טמיר ונעלם בכל אורחותיו, וויל איך מיטטיילן א מעשה וואס בשעתו איז דאס געווען ביי מיר א מעשה פלא.

דאס איז געווען זומער תשנ"ז ווען איך האב געוויילט אין 'לפידות' קאנטרי אויפן זומער, דאן פלעג איך זיך באטייליגן פרייטאג צו נאכט ביי די טישן פון הרה"צ רבי חיים מערץ זצ"ל, ס'פלעגט זיין א מנין, אמאל מער, וואס האבן זיך ארייגעשטיפט אין די קליינע באנגאלא הארט קעגן דעם בית המדרש, מ'פלעגט זינגען ניגוני שב"ק. אינמיטן פלעגט ער זיך אויפשטעלן פון זיין פלאץ און אריינגיין אין צווייטן צימער, דארט איז געווען טונקל, און ארויסברענגען צוויי ספרים א 'נועם אלימלך' מיט א 'קדושת לוי', ערשט האט ער אויפגעמישט דעם 'נועם אלימלך' ער האט מעיין געווען אביסל, נאכדעם האט ער פארגעלערנט א שטיקל, דערנאך די זעלבע מיטן 'קדושת לוי', ער האט מעיין געווען און נאכדעם פארגעלערנט א שטיקל.

עס איז געווען פרייטיג צו נאכט פרשת ראה ביים טיש, רבי חיים זצ"ל קומט אריין מיט די ספרים און ער מישט אויף דעם 'נועם אלימלך' ער קוקט אהער און אהין, און ער מאכט צו דעם הייליגן ספר און ער האט גארנישט פארגעלערנט, נאכדעם האט ער אויפגעמישט דעם 'קדושת לוי' און מעיין געווען און גלייך פארמאכט און גארנישט פארגעלערנט. די מעשה איז מיר געווען א גרויסע פלא מה זה ועל מה זה?! למה פרשה זו סתומה?! וואס איז די וואך אנדערש ווי אלעמאל.

ער האט נאכדעם איינעם מכבד געווען מיט א זמר פון סדר הזמירות, און נאכדעם צוגעענדיגט דעם טיש.

ליידער האט מען שוין נאכדעם געהערט די ביטערע בשורה אז בליל שב"ק אינמיטן עריכת השולחן הטהור איז געווען די פלוצלונג'דיגע הסתלקות פון כ"ק הרה"ק רבי שמואל צבי מספינקא זצוק"ל, ז"ך מנחם אב תשנ"ז (דער גרויסער מחותן פון אביו הרה"ק רבי יחזקאל'ע, שווער פון אדמו"ר מתו"צ ספינקא שליט"א), האב איך דעמאלטס געקלערט אז ערליכע אידן האבן אן הרגשה ווען עס איז דער זמן פון 'נסתמו מעיינות החכמה', און וועגן דעם האט ער נישט געזאגט קיין דברי תורה.

## לערנען נועם אלימלך ביי חזרת הש"ץ?

**עס דערציילט אונזער זיידע**

# הרה"ח ר' שמואל הכהן פריעדמאן שליט"א

משב"ק

עס איז מיר אויסגעקומען צו הערן אמאל פון א חשוב'ן איד וואס האט געזאגט פאר איינעם וואס פלעגט יעדן פרייטאג צונאכטס לערנען 'נועם אלימלך' ביי די הויכע שמו"ע פון מנחה, האט ער אים געזאגט אז ווען דו וואלסט געלערנט אין א ספר וואס דער מחבר איז געווען א פראסטער מענטש וואלט נישט געווען אזא פלא, ווייל ווען יענער מחבר האט געלעבט האט ער מסתמא אויך מזלזל געווען אינעם חיוב פון אויסהערן חזרת הש"צ און מכוין זיין געהעריג ביי 'אמן', אבער צו לערנען אין ספה"ק נועם אלימלך און מיט דעם מזלזל זיין אין חזרת הש"צ, דאס איז אומפארשטענדליך, ווייל מ'איז מיט דעם מזלזל אין די ווערטער פונעם הייליגן רבי'ן ר' אלימלך ז"ל וואס שרייבט אין צעטיל קטן (סעיף י"א) אז מ'זאל דאווענען דאס גאנצע דאווענען מיט א קול וואס איז מעורר די כוונה, און מ'זאל אינזינען האבן וואס מ'דאווענט פאר'ן אויבערשטן, און ביי חזרת הש"ץ זאל מען די גאנצע צייט ארייַנקוקן כדי צו מכוין זיין אויף וואס מ'ענטפערט אמן עיי"ש.

אזוי איז אויך ביי א צווייטע ספר פון צדיקי אמת איז עס א טאפעלטע זלזול ח"ו, ומדה טובה מרובה לטב ולחיין ולשלם. (ועי' עוד מ"ש הפוסקים בדברי המחבר ז"ל בשו"ע (או"ח סי' קכ"ד סעי' ד') כשש"צ חוזר התפילה הקהל יש להם לשתוק ולכוין להברכות שמברך החזן ולענות אמן, וכתבו ע"ז הפוסקים (מובא במ"ב ס"ק י"ז) על כן יש להזהר מלומר תחנונים או ללמוד בשעת חזרת הש"צ, ואפילו אם מכוונים לסוף הברכה לענות אמן כראוי שלא תהא אמן יתומה ח"ו, ג"כ לא יפה הם עושים, שאם הלומדים יפנו ללימודם עמי הארץ ילמדו מהם שלא להאזין לשליח ציבור, ויעסקו בשיחה בטילה ח"ו, ונמצאו מחטיאים את הרבים ר"ל עיי"ש, ולמזהיר ולנזהר שלומים תן כמי נהר (נתפרסם לטו"נ הרב הגאון החסיד ר' ישראל מרדכי ב"ר משה גראסמאן ז"ל שהרבי'ץ תורה ויר"ש לתלמידים בישיבה"ק של רביה"ק זי"ע, ונפטר בלי זש"ק ביום ז"ך תשרי תש"מ יהא זכרו ברוך).

## ווען מ'פארט קיין ליזענסק...

### עס דערציילט אונזער רבי
## הרה"ח רבי עקיבא צבי גאנץ שליט"א

שטייענדיג פאר די יארצייט פון הייליגן רבי'ן ר' **אלימלך מליזענסק זי"ע** בעמח"ס נועם אלימלך, ווען אזויפיל טויזנטער אידן פארן אויפ'ן ציון הק', איז כדאי אז מ'זאל וויסן.

ווען הגה"ק **רבי אלעזר ניסן טייטלבוים זצ"ל** איז אלט געווען ארום 8-7 יאר איז ער געווען קראנק ל"ע, האט זיין טאטע דער הייליגער **ישמח משה זלה"ה** געשיקט צוויי שלוחים זאלן גיין קיין ליזענסק, צום ציון פון רבי'ן ר' אלימלך זי"ע, און ער האט אנגעזאגט אז ביי די טיר זאלן זיי געבן א פרוטה פאר די נשמה וואס וועט אנקומען צום ערשט זאגן אז מ'איז געקומען מתפלל זיין אויפ'ן ציון.

ווען מיר זענען געפארן דאס ערשטע מאל אויף די מקומות הק' האט דער **רבי ז"ל** אונז אנגעזאגט אז "ווען מ'גייט צו א קבר פון א צדיק זאל מען געבן א פרוטה לצדקה פאר די נשמה וואס וועט גיין מודיע זיין, בידוע די מעשה פון ישמח משה".

איך בין געווען מיט'ן רבי'ן מרן הדברי יואל ז"ל אויף די מקומות הק' אין ארץ ישראל בשנת תשט"ו. ה' אב איז די יארצייט פונעם אריה"ק זענען מיר געווען אויפ'ן ציון הק' אין צפת, דער רבי איז געשטאנען אנגעלאנט מיט די לינקע האנט אויפ'ן ציון, איינער האט געגעבן א קוויטל פארן רבי'ן האט דער רבי געטון א טובה און געליינט דאס קוויטל, האט א צווייטער געגעבן א קוויטל האט ער ווייטער געטון א טובה ביז עס איז געווארן אזויפיל קוויטלעך, האט דער רבי גענומען אלע קוויטלעך און געליגט אויפ'ן ציון, און געמאכט א תנועה ווי איינער זאגט "דאס איז דיין, דאס איז דיין"...

דעם אנדערן טאג אינדערפרי, ו' אב זענען מיר געווען אין מירון ביי רשב"י. דארט איז אויך געווען ווען מ'האט אנגעהויבן צו געבן קוויטלעך פון גאנצן עולם, דער רבי האט אנגעהויבן צו ליינען די ערשטע קוויטלעך, און באלד האט ער גענומען אלע קוויטלעך און געלייגט אויפ'ן ציון און געמאכט אזוי מיט די האנט, אזוי ווי ער האט געטון נעכטןביים ציון פון אריה"ק. איך בין דארט געשטאנען בשעת מעשה.

# א קוויטל אינעם נועם אלימלך

## עס האט דערציילט אונזער זיידע
## הרה"ח ר' אלימלך פריעד ע"ה

דער צדיק הרה"ק **רבי איציקל מפשעווארסק זצוק"ל** איז געווען אן אייניקל פון הייליגן **רבי'ן ר' אלימלך זי"ע**, און ער פלעגט זיך אלס אונטערשרייבן און דערמאנען אז ער איז א אייניקל פון רבי'ן ר' אלימלך זי"ע.

עס איז געווען בשנת תשי"ט לפ"ק ווען רבי איציקל איז געווען אין וויליאמסבורג לרגל די חתונה פון נכדו כ"ק **אדמו"ר מ'פשעווארסק שליט"א**, און מיר זענען געגאנגען מוצש"ק מיט אונזער טאטן הרה"ח **ר' נחום יהודא פריעד ע"ה** ויבדלחט"א אחי **מו"ה יעקב פריעד הי"ו** פון קרית יואל, צו רבי איציקל אויף די אכסניא. למעשה עס איז שוין געווען כמעט פארטאגס איז דארט געווען א גרויסער עולם געווען וואס האט געווארט זיך צו געזעגנען.

אונזער פעטער הרה"ח בנש"ק **ר' אלעזר שיף ז"ל** איז דעמאלטס מיטגעקומען פון אנטווערפן באגלייטנדיג רבי איציקל אלס גבאי.

רבי איציקל האט אונז מכבד געווען - אלס גאר נאנטע קרובים דריי מאל א זיבעטער דור נכדי רבי ר' אלימלך זי"ע - זאגנדיג "די 'קרובים זאלן זיך זעצן". און רבי איציקל האט געזאגט "רבי נחום יודא דארף איך געזעגענען אלס קרוב און קיינער וועט נישט האבן קיין טענות, איך קען נישט געזעגענען דעם גאנצן עולם, וועל איך דערציילן א מעשה", און ער האט דערציילט א מעשה פאר'ן גאנצן עולם, און נאכדעם האט ער געזאגט "ווען א איד לייגט אריין א קוויטל אין ספה"ק נועם אלימלך איז פונקט ווי מ'גיט דאס פאר רבי אלימלך אליין". (וכן אמר כ"ק הרה"ק **רבי הערשעלע מ'ספינקא זי"ע** כמה פעמים).

עס איז געווען מיט אסאך יארן שפעטער ווען מיין ברודער ר' יעקב הי"ו האט געהאט איינעם פון זיינע קינדער איז געווען אין די יארן פון שידוכים, געדענקענדיג די ווערטער פון רבי איציקל האט ער אפגעשריבן א קוויטל און אריינגעלייגט אינעם ספה"ק נועם אלימלך. א צייט שפעטער איז ער בס"ד א חתן געווארן אין א גוטע שעה.

יענעם פרייטאג צונאכטס ביי די סעודה ווען ער האט פארגעלערנט פון ספה"ק נועם אלימלך, האט ער באמערקט אז דאס קוויטל איז געווען אריינגעלייגט פונקט ביי יענע סדרה ווען דער שידוך איז געשלאסן געווארן למז"ט.

## רבי ר׳ אלימלך ראטעוועט פון מכשולות

### עס דערציילט אונזער זיידע
### הרה"ח ר׳ משה אלי׳ פאלאטשעק הי"ו

מיין זיידע **הרה"ח ר׳ וואלף רייך ע"ה** איז געווען אן אייניקל פון הרה"ק רבי אלימלך מליזענסק זי"ע. ער איז געווען א משגיח אין א סאלאמי פעקטארי. איין נאכט זעהט ער אין חלום דעם זיידן הרה"ק רבי ר׳ אלימלך זי"ע ווי ער זאגט אים "גיי ארויס פון בעט, און גיי צום פעקטארי און זעה ווי מ׳ברענגט אריין טריפות".

ער האט זיך אויפגעוועקט דערשראקן, קודם האט ער געטראכט אז עס איז נאר א חלום, אבער ווען ער האט געהאט דעם זעלבן חלום דריי מאל, איז ער שנעל ארויס פון בעט און געגאנגען צו די פעקטארי, און יא! ער זעהט ווי טרעילארס מיט טריפה פלייש פארן דארט אריין.

איז ער שנעל אריבערגעגאנגען צום רב המכשיר און ער האט אים געזאגט אז ער וויל מער נישט זיין משגיח ביי די פעקטארי ווייל ער האט געזען ווי מ׳ברענגט אריין טריפות.

די קומענדיגע נאכט חלומ׳ט ער ווי ער טרעפט זיך נאכאמאל מיט׳ן הייליגן רבי ר׳ אלימלך זי"ע און ער פרעגט אים: וויאזוי וועל איך יעצט האבן פרנסה? זאגט אים דער רבי ר׳ אלימלך: "קוק אריין אין פ׳ האזינו, דארט זאגט דער פסוק: ׳שאל אביך ויגדך זקנך ויאמרו לך׳, אזוי ווי דיינע עלטערן האבן געהאט פרנסה פונעם אייבערשטן אזוי וועסטו אויך האבן פרנסה"... וכך הוה.

## דעם רבי׳נס הייליגע הדרכה

### עס האט דערציילט מיין עלטער פעטער
### הרה"צ ר׳ יקותיאל זלמן אשכנזי זצ"ל

ווען ער איז אלט געווארן אכצן יאר, איז ער אריינגעגאנגען אל הקודש פנימה צו רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע מיט׳ן "צעטיל קטן" פונעם הייליגן רבי ר׳ אלימלך פון ליזענסק זי"ע, און ער האט געפרעגט דעם רבי׳ן אזוי ווי דער רבי ר׳ אלימלך זאגט אז בשנת י"ח דארף א מענטש בעיקר ארבעטן אויף די מידות, וואספארא קבלה טובה ער זאל אויף זיך מקבל געווען ביי אזא ערנסטן מאמענט.

אין אנהויב האט דער רבי נישט געוואלט ענטפערן, זאגנדיג "ער זאגט דאך", ווי צוזאגן אז דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע זאגט דאך שוין קלאר את הדרך ילכו בה, וויאזוי א איד דארף זיך צו פירן.

האט ער געזאגט פארן רבי'ן אז ער האט מקבל געווען אויף זיך אז ער וועט טון וואס דער רבי וועט אים הייסן. האט אים דער רבי געזאגט די פאלגענדע הייליגע הדרכה, בזה"ל:

"אפהיטן די אויגן, אפהיטן דאס מויל, און לערנען, לערנען, לערנען"...

## דער נר תמיד ביים ציון הקדוש אין ליזענסק

### עס האט דערציילט אונזער זיידע
### הרה"ח ר' ישראל יודא ניימאן ע"ה

ער איז געבוירן געווארן אין די שטאט ליזענסק און ער איז אויפגעצויגן געווארן דארט במשך זיינע קינדערישע יארן. ער פלעגט מיטהאלטן מידי שנה בשנה ווען עס פלעגן קומען צו פארן פולע הונדערטער חסידים ואנשי מעשה אויף די יארצייט פונעם הייליגן **רבי'ן ר' אלימלך זי"ע** כ"א אדר, און ער האט דעמאלטס זוכה געווען צו זעהן אסאך גדולי ישראל.

ער פלעגט זאגן אז ליזענסק איז געווען א קליין שטעטל, און ווען נישט דאס וואס דער רבי ר' אלימלך ליגט דארט וואלט מען קיינמאל נישט געוואוסט צו זאגן דערפון. האט ער געטייטשט "איזהו חכם המכיר את מקומו", א חכם וצדיק מאכט באקאנט א פלאץ, וואס א דאנק דעם צדיק ווערט דאס פלאץ באקאנט.

אין ליזענסק האט מען געוואוסט אז אין פאל פון א שריפה ח"ו פלעגט מען לויפן צום ציון הקדוש פונעם רבי'ן ר' אלימלך צוריק אנצינדן דעם 'נר תמיד' וואס האט זיך פארלאשן, עס איז געווען א דבר פשוט אז אויב האט פאסירט א שריפה אין די שטאט איז דאס א סימן אז דער נר תמיד איז פארלאשן געווארן.

## נישט געהאַט קיין קאָלטענעס

### עס דערציילט מיין פאָטער
### הרה"ח ר' יחיאל ישראל ברוך עקשטיין שליט"א

עס איז געווען אין יאָר תשנ"ו לפ"ק, אין אַ מוצש"ק פאַר די הילולא קדישא פון הייליגן **רבי'ן רבי אלימלך מליזענסק זי"ע**, אין די תקופה ווען איך האָב זוכה געווען לשרת בקודש פנימה ביי מו"ר הגה"צ **רבי משה ארי' פריינד זצוק"ל גאב"ד ירושלים**, אין זיין לעצטן יאָר עלי אדמות.

ביי די מלוה מלכה וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן לכבוד די הילולא קדישא, זענען דערציילט געוואָרן פאַרשידענע עובדות און סיפורים פון רבי'ן ר' אלימלך זי"ע, ובתוה"ד האָט איינער פון די משמשים בקודש, וועלכער האָט זיך גערישט צו פאָרן אויפ'ן ציון הק' קיין ליזענסק, דערמאָנט וואָס די וועלט דערציילט אַז דער רבי ר' אלימלך האָט געהאַט צוויי קאָלטענעס אין די דיוקנא קדישא. דער ירושלימער רב האָט דאָס אָבער נישט אָנגענומען, צוליב וואָס ער האָט געהאַט מקובל אַז עס איז נישט אמת. בתוה"ד האָט ער זיך דאַן אַרויסגעכאַפּט אַז "כ'האָב אַליין געזען אַז עס איז נישט אמת".

די נאָנטע מקורבים וואָס האָבן אויפגעכאַפּט די ווערטער, זענען נשתומם געוואָרן הערנדיג דעם אויסדרוק, און זיי האָבן דאָס געוואָלט איבערהערן. האָט מען אַזוי געצויגן דעם שמועס איבער די נושא, ווילנדיג דאָס נאָכאַמאָל הערן פון אים. אָבער דער ירושלימער רב, וועלכער האָט זיך געכאַפּט אַז ער האָט זיך דאָ פאַררעדט אַ וואָרט, האָט מער גאָרנישט געוואָלט רעדן.

ווען די אַרומיגע מקורבים האָבן נישט נאָכגעלאָזט און כסדר אויפגעברענגט נאָכאַמאָל דעם ענין, האָט ער זיך אָנגערופן צום משב"ק הרה"ח **ר' יצחק עזריאל יאזשעף הי"ו**, וועלכער האָט זיך גערישט צו פאָרן צו די יאָרצייט: "דו פאָרסט? זאָלסטו קוקן!", און מיט דעם האָט ער געשלאָסן די טעמע.

מענין לענין איז כדאי צו פאַרציילן, אַז יענעם חול המועד סוכות, איז געקומען צום ירושלימער רב אין די סוכה הרה"ח **ר' יעקב יוסף ראָטמאַן הי"ו**, אינאיינעם מיט זיינע קינדער, בשעת דער רב האָט געפראַוועט דעם בייטאָג סעודה. אינמיטן האָט דער רב ז"ל געצייגט מיט די פינגער אויף איינעם פון די קינדער וואָס האָט זיך געשפּילט נעבן אים: "ער זעט אויס ווי אַן אייניקל פונעם רבי'ן ר' אלימלך".

ר׳ יעקב יוסף האָט נישט געהאַט קיין מושג אַז זיי ציען אַ יוחס צו רבי׳ן ר׳ אלימלך און עס איז אים געווען זייער אויפפאַלענד וואָס דער רב האָט געזאָגט. שפעטער האָט ער דערציילט די מעשה פאַר זיין שווער, האָט אים דער שווער געזאָגט: "אוודאי זענען מיר אייניקלעך פונעם רבי׳ן רבי אלימלך", און ער האָט אים באַלד אויסגערעכנט גענוי דעם יחוס וויאַזוי זיי ציען זייער יחוס צום רבי׳ן ר׳ אלימלך זי"ע.

## די מזוזה איז פסול

### עס דערציילט אונזער זיידע
### הרה"ח ר׳ משה אלי׳ פאלאטשעק הי"ו

עס איז געווען ווען מיין ברודער מו"ה **דניאל אלימלך פאלאטשעק הי"ו** איז געבוירן געווארן, אין די נאכט פון זיין וואך נאכט האט זיך מיין מאמע ע"ה גע׳חלומ׳ט, אז איר זיידע הרה"ק רבי ר׳ אלימלך מליזענסק זי"ע קומט צו איר הויז, און ער שטעלט זיך אפ ביים טיר און קומט נישט אריין. האט זי אים געפרעגט פארוואס ער קומט נישט אריין.

האט ער געזאגט: "ווייל די מזוזה איז פסול".

זי האט זיך אויפגעוועקט און גלייך פארציילט פאר׳ן טאטן וועגן דעם וואונדערליכן חלום, אז מ׳דארף בודק זיין די מזוזה. מ׳האט גלייך אינדערפרי געגעבן בודק צו זיין די מזוזה, און עס האט זיך טאקע ארויסגעשטעלט אז עס איז געווען פסול.

מ׳האט דעמאלטס א נאמען געגעבן ביים ברית פארן רך הנימול דניאל אלימלך, ע"ש פון הרה"ק רבי אלימלך זי"ע.

## אונזער קדיש׳ל

### עס דערציילט אונזער זיידע
### הרה"ח ר׳ פנחס אלימלך ווייס הי"ו

ער האט זוכה געווען מיטצופארן מיט **רביה"ק הברך משה זי"ע**, ווען ער איז נאך געווען סיגוטער רב, אויף א נסיעה אין יאר תשל"ח אויף קברי צדיקים אין אייראפע, און דער רבי איז פון דארט געפארן קיין ארץ ישראל.

אלעמאל ווען דער רבי פלעגט פארן אויפ'ן וועג האט ער מיטגענומען א קליינע ספר תורה, אין וואס מ'האט געליינט שני וחמישי און שבת קודש. כמובן האט מען די ספר תורה געמוזט האלטן אויפ'ן גאנצן וועג, אז עס זאל ליגן בכבוד.

זייענדיג אויפ'ן וועג אויפ'ן באס, האט דער רבי אים געפרעגט צי ער קען איבערנעמען די ספר תורה נאכדעם וואס דער רבי האט געזען אז ער האט א גרעסערן תפילין בייטל, פארמאגנדיג א גאר דיקן טערקישן טלית, אזוי אז די ספר תורה האט אריינגעפאסט דערין.

דער זיידע האט גערן איבערגענומען די ספר תורה, ווען ער זאגט דערבייי פאר'ן רבי'ן אז ער בעט בשכרו אז דער רב (זייענדיג סיגוטער רב) זאל אים אינזינען האבן אז ער זאל נפקד ווערן בדבר ישועה ורחמים, זייענדיג לאנגע יארן נאך די חתונה און ער האט נאכנישט זוכה געווען צו קיין זש"ק.

אנקומענדיג קיין ליזענסק ביים ציון הק' פון הרה"ק **הרבי ר' אלימלך זי"ע** האט אים דער רבי צוגעשיקט צום עמוד צו זיין דער שליח ציבור, זייענדיג אן אייניקל פון רבי'ן ר' אלימלך זי"ע.

ווען מ'האט געענדיגט זאגן תהלים רופט זיך דער רבי אָן צו אים: "פנחס אלימלך, גיב לחיים, דו ביזט א געהאלפענער!" און דער גאנצער ציבור האט אים דאן געוואונטשן מזל טוב.

עס האט נישט גענומען קיין יאר דערנאך און עס איז צו אים געבוירן געווארן א בן יחיד, אבי מורי **מו"ה נפתלי משה ווייס הי"ו** למז"ט בשטומ"צ.

דרייצן יאר שפעטער איידער די בר מצוה איז ער אריין מיט'ן בר מצוה בחור צום רבי'ן נעמען ברכת קדשו און לאדענען צו די בר מצוה. דער רבי איז געווען זייער מרוגש, און ער האט זיך אנגערופן צו די רביצין ע"ה: "נו, וואס זאגסטו צו אונזער קדיש'ל? געדענקסטו נאך די נסיעה?"

דער רבי האט א נאכט פאר די בר מצוה חתונה געמאכט אן אייניקל, הרה"ג **ר' זלמן לייב מייזליש שליט"א מו"צ בקהלתנו הק' בב"פ**, און דער רבי האט זיך ספעציעל מטריח געווען און געקומען צו די בר מצוה, וואס דאס איז געווען גאר א זעלטענע ערשיינונג אז דער רבי זאל גיין צו א בר מצוה, און זייענדיג אין די שבעת ימי המשתה איז דער רבי געקומען מיט בגדי שבת.

## הלא אצלת לי ברכה...

### עס דערציילט אונזער רבי
### הרה"ח ר' עקיבא צבי גאנז שליט"א

דער הייליגער **דברי חיים זי"ע** האט געזאגט אז ער האט דריי הונדערט בעלי רוח הקודש וואס שיצן זיך תחת כנפיו. איינער פון זיי איז געווען הרה"ק **רבי נפתלי הירצקא'לע ראצפערטער זצ"ל**. ער איז געווען א גרויסער צאנזער חסיד.

עס איז געווען אמאל ווען ער איז געפארן קיין ליזענסק אויפ'ן ציון פון הייליגן רבי'ן **רבי אלימלך זי"ע**, און ער האט דארט מתפלל געווען אז אזוי ווי עס קומען צו אים אידן און זיי זענען זיך מזכיר פאר ישועות און רפואות, און ער האט נישט קיין ברירה און ער מוז זיי געבן ברכות, בעט ער אז דער זכות פון הייליגן דברי חיים זאל מגין זיין אז זיינע ברכות זאלן מקוים ווערן.

ווי נאר ער איז ארויסגעקומען פונעם ציון הק' האט ער באגעגנט דעם **בעלזער רב הגה"ק רבי יושע'לע** וועלכער איז געקומען צו פארן צום ציון הק' אין ליזענסק, רופט זיך אן דער בעלזער רב "איר האט דאך יעצט געבעטן אין הימל אז מ'זאל אננעמען אייערע ברכות, נו, גיט מיר א ברכה"...

זייער זכות זאל אונז אלעביישטיין ביז'ן היינטיגן טאג אז יעדער זאל געהאלפן ווערן מיט אלעם גוטן.

## כ"א אדר אין ארגענטינא, ל"ג בעומר ביים רבי'ן ר' אלימלך

### עס דערציילט אונזער עלטער זיידע - עלטער פעטער
### הרה"ח ר' בנימין הערש הכהן בערקאוויטש ז"ל

עס איז געווען אמאל בערך איין וואך פאר פורים ווען עס איז געקומען צו מיר א שליח פון מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע, און ער זאגט מיר אז דער רבי בעט אז איך זאל אריבערקומען צו אים, פארשטייט זיך אז אין די ערשטע געלעגנהייט בין איך שנעל אריבער צום רבי'ן, דער רבי האט מיר דערציילט אז הגה"צ **רבי קלונימוס אליעזר עקשטיין ז"ל** פון ארגענטינא באנייט א בנין פאר די מוסדות און מען דארף אים מחזק זיין, און דער רבי האט מיר געבעטן אז איך זאל פארן קיין ארגענטינא אפאר טאג נאך פורים, פארשטייט זיך אז איך האב דאס גלייך אנגענומען.

שפעטער האב איך מיר דערמאנט אז איך האב באשטעלט א טיקעט צו פארן אויף ליזענסק אויפ'ן יארצייט כ"א אדר, צוליב א געוויסע פראבלעם וואס איז דעמאלטס אונטערגעקומען אין בית רחל, און מען האט זיך געניטיגט אין א ישועה, און אויב איך וועל דעמאלטס פארן אויף ארגענטינא וועל איך נישט קענען זיין אין ליזענסק ביים יארצייט.

האב איך אנגערופן צום רבי'ן אין שטוב פרעגן וואס צו טון, האט דער רבי זי"ע געזאגט "די ישועה וואס דו דארפסט האט צייט שפעטער, אבער הרב עקשטיין דארף די חיזוק יעצט", האב איך טאקע אפגעזאגט די טיקעט קיין ליזענסק, און באשטעלט א טיקעט קיין ארגענטינא אויף נאך פורים, און א טיקעט קיין ליזענסק צו זיין דארט ל"ג בעומר וואס איז אויך א גרויסער טאג צו גיין אויף קברי צדיקים.

נאך פורים ווען איך בין געווען אין ארגענטינא האב איך טאקע געזען ווי וויכטיג עס האט זיך אויסגעפעלט צו זיין דארט, עס איז געווען פאר זיי גרויס חיזוק און א גרויסע שמחה אז עס איז ספעציעל געקומען צו פארן א שליח פון רבי'ן.

ווען איך בין אהיימגעקומען האב איך איבערגעגעבן פארן רבי'ן א גרוס, דער רבי האט זייער הנאה געהאט צו הערן יעדן פרט וואס מען האט אים דערציילט איבער די הצלחה פון די דארטיגע אידן.

אויף ל"ג בעומר בין איך געפארן קיין ליזענסק, איך האב דארט מתפלל געווען פאר די ישועה אין וואס מען האט זיך דאן געניטיגט, און גלייך ביים אנקומען אין ניו יארק נאך איידער איך בין אהיימגעגאנגען צו מיר אין שטוב בין איך אריין אין בית רחל צו זעהן אויב אלעס איז אין ארדענונג, ווי נאר איך בין אנגעקומען האב איך געזען אז איך האב ב"ה אויסגע'פועל'ט א ישועה ביים הייליגן רבי'ן רבי אלימלך, און מער האט מען פון די צרה נישט געהערט.

## דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע

### עס דערציילט אונזער זיידע
### הרה"ח ר' טובי' צבי גראס הי"ו

עס איז געווען בערך בשנת תשכ"ד נאכדעם וואס מיר האבן געמופט פון מאנטרעאל קיין ניו יארק, און מיין טאטע הרה"ח ר' **משה ארי' גראס ע"ה** האט ארויסגעדינגען א דירה אין בארא פארק (אויף די 54'סטע גאס, דארט ווי עס איז היינט דער

סטיטשינער ביהמ"ד) פון א איד וואס האט געהייסן אויף די לעצטע נאמען 'אספוס', ער איז געווען א פוילישער איד, פון די שטאט ליזענסק, האט דער איד אמאל פארציילט די מעשה וואס בדידי הוי עובדא:

ער איז געווען א סאלדאט ביי די צווייטע וועלט קריג אין די פוילישע מיליטער (כידוע איז די פוילישע מיליטער געווען געפירט דורך די דייטשן ימ"ש), האט זיך געמאכט אין די סוף תר"צ יארן אז זיי האבן באשלאסן אויפצובויען א גרויסע באראק אויף די שטח פונעם ביה"ח אין די שטאט ליזענסק און זיי האבן געשיקט אפאר גוי'אישע סאלדאטן זאלען אויפגראבן אלע נפטרים פונעם פעלד, און ווען זיי זענען אנגעקומען צום מקום מנוחת קדשו פון הייליגן **רבי'ן ר' אלימלך זי"ע** און זיי האבן געוואלט אנהייבן צוגראבן זענען זיי תיכף געשטארבן אויפ'ן פלאץ איינער נאכ'ן צווייטן, איז געקומען דער הויפט אפיציר און זיך נאכגעפרעגט וואס דא גייט פאר, האט מען אים געזאגט אז דא ליגט א גרויסער צדיק, האט זיך דער רשע אנגערופן "איך וועל אים שוין ווייזן"... (עפ"ל)

איז געגאנגען דער רשע, און ער האט גערופען 3 אידישע סאלדאטן, און איך (מר. אספוס) בין געווען איינער פון זיי, און ער האט אונז געהייסן אויפגראבן דעם הייליגן צדיק, האבן מיר געבעטן 2-3 טעג צייט זיך צו צוגרייטן, מתפלל צו זיין אז עס זאל אונז חלילה נישט געשען קיין שום שלעכטס, און ווען מיר האבן געדארפט אנהייבן די ארבעט האט אונז אנגעכאפט א ציטער און מיר האבן אנגעהויבן צו וויינען, און אזוי זענען מיר צוגעגאנגען צום הייליגן מקום און געגראבן געצווינגענערהייט ביז מיר זענען אנגעקומען ממש ביז צום הייליגן גוף קודש קדשים, און מיר האבן געזען ווי אלעס איז געווען גאנץ און פריש, און מען האט אויך ארויס געזען א חלק פון די קאלטענעס פון די בארד דיוקנא קדישא.

דעמאלטס האט זיך דער רשע אויך גאר דערשראקן און אנגערופן: "זא הייליגער מאן"? און ער האט געהייסן מ'זאל שוין צוריק צודעקן, און מיר האבן געזען בחוש ווי די רשעים האבן נישט געהאט קיין שום שליטה אויפ'ן הייליגן צדיק.

## מיר גלייבן דערין אפילו מיר זעען נישט

### עס דערציילט אונזער זיידע
### הרה"ח ר' שמואל דוד מארקאוויטש הי"ו

איך האב געהערט פון כ"ק הגה"ק **רבי שמעון ישראל פאזען זצוק"ל אב"ד שאפראן** ור"מ ישיבה"ק, אז ער האט געהערט פון א פרייען איד ל"ע, אז ער איז געווען בשעת מעשה ווען אין די מלחמה יארן האבן די רשעים געצווינגען אידן אויפצוגראבן מקום מנוחתו כבודו פון הייליגן רבי'ן **רבי אלימלך זי"ע** אין ליזענסק, און ווען זיי זענען אנגעקומען צום הייליגן ארון האבן זיי געזען די צורה הק' פון רבי'ן רבי אלימלך פריש אזוי ווי ביום פטירתו מיט די קאלטענעס בארד, און דאס האט דערשראקן די רשעים און זיי האבן געהייסן פארמאכן דעם קבר.

האט דער שאפראנער רב אונז געזאגט אז ער האט געענטפערט פאר דעם פרייען איד: "מיר גלייבן דערין אפילו מיר זעען נישט"...

## סיגופים ביים רבי'ן ר' אלימלך זי"ע

### עס דערציילט אונזער עלטער זיידע
### כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

כ'בין אמאל געווען אין ליזענסק מיט יארן צוריק, און כ'בין געגאנגען אויפ'ן ציון פונעם הייליגן **רבי'ן ר' אלימלך** - און נישט גיין אין מקוה פאר'ן גיין אויפ'ן ציון פון רבי ר' אלימלך קען דאך נישט זיין - בין איך געגאנגען צום טייך, אין ליזענסק איז דא א וואסער, און נעבן דעם איז דא גראז וואס מ'רופט 'ברענענסטליך', און ס'האט געברענט אזוי אויפ'ן קערפער.

האב איך געזאגט "דער הייליגער רבי ר' אלימלך האט זיך אזוי מסגף געווען, אז איינער וואס קומט קיין ליזענסק און גייט אויפ'ן ציון ווערט אויך אויסגעברענט פון די גראז דארט". (וז"ל בס' באר משה מהרה"ק מקאזשניץ ז"ל (לר"ח אב): מה שראיתי מרבותינו הק' וכו' ובפרט מאדומ"ו הה"ק איש אלוקים בוצינא קדישא מו"ה אלימלך זצ"ל שכמה וכמה סיגופים עשה לו האיש הקדוש הזה, וכשהייתי אצלו כבר הי' במדריגה העליונה, ועדיין ייסר והכה את עצמו בכל יום בעשבים העוקצים ושורפים שקורין בל"א 'ברענעסטלין', חוץ שאר סיגופים ותעניתים

ומקוואות שעשה הרב הקדוש הנ"ל, אשר מי יוכל להגיד ולספר, ותקצר היריעה מהכיל להעלות על המכתב גודל הסיגופים שעשה לו, עכ"ל).

היינט האט מען דארט שוין געבויעט א שיינע מקוה, דארף מען שוין נישט גיין דארט אין טייך.

## רבי אלימלך און רבי זושא טאנץ...

### עס דערציילט אונזער טאטע
### הרה"ח ר' נפתלי משה ווייס הי"ו

שטייענדיג ביי די חתונה בשעה טובה ומוצלחת פון מיין עלטסטע קינד הכלה שתחי', קומט מיר אויף אויפ'ן זכרון וואס איך האב געהאט מיט'ן רבי'ן כ"ק מרן הברך משה זי"ע ביי מיין אייגענע חתונה נישט מער געדאכט.

ווי באוואוסט איז מיין טאטע הרב החסיד בנש"ק **ר' פינחס אלימלך ווייס שליט"א** געווען אונטער-שמש אין ביהמ"ד הגדול אויף ראדני סט, און ער איז געווען גאר געטריי פארן רבי'ן כסדר. דער רבי מיט זיינע הייליגע מידות פלעגט אים מכיר טובה זיין, און אסאך מכבד זיין ביי די טישן ווען ער האט געפראוועט ביי זיך אין שטוב, און אלס געזאגט אז ער איז אים מכבד אלס אייניקל פונעם הייליגן **רבי'ן ר' אלימלך פון ליזענסק זי"ע**.

ביים טיש האט ער אסאך מאל געהייסן מיין טאטן טיילן פארן עולם פון די שיריים, און אים פלעגט ער געבן דייקא דעם קוגל צו טיילן, זאגנדיג אז ער זאל טיילן אלס דעם רבי'ן ר' אלימלך'ס אייניקל.

ווען עס איז אנגעקומען די טאג פון מיין חתונה האט דער רבי פארשפראכן פאר מיין טאטן אז ער קומט צו די שמחה זיך מיטפרייען, דאס איז געווען גאר א זעלטענע ערשיינונג אז דער רבי זאל גיין צו א חתונה.

ווען דער רבי איז אנגעקומען צו די חתונה, און געגעבן 'לחיים' און דערנאך האט מען אים אויפגערופן צו 'מצוה טאנץ' אינמיטן די חתונה, ווען דער רבי האט זיך אויפגעשטעלט צום טאנצן, גיט מיך דער רבי א כאפ אן ביי די האנט און ער זאגט מיר מיט א שמייכל "נו! דו ביזט דאך דעם רבי'ן ר' אלימלך'ס אייניקל, און איך בין דאך דעם רבי'ן ר' זושא'ס אייניקל, זענען מיר דאך קרובים לאמיר גיין טאנצן אינאיינעם"...

## עס איז געווארן פלאץ

### עס האט דערציילט אונזער עלטער זיידע
## הרה"ח ר' יעקב הערש הלוי פריעדמאן ע"ה
סופר סת"ם

ער האט דערציילט וואס ער האט געהערט פון הרה"ק **רבי איציקל מפשעווארסק זצ"ל** אז אינעם אוהל פונעם הייליגן **רבי'ן ר' אלימלך זי"ע מ'ליזענסק**, איז געווען אן אינעווייניגסטער צימער וואו עס איז געווען דער קבר פונעם רבי'ן ר' אלימלך, און אינעם דרויסנדיגן צימער איז געווען די ציונים פון פיר צדיקים, זיין זון הרה"ק רבי אלעזר, דער זון הרה"ק רבי אליעזר ליפא, דער איידעם הרה"ק רבי שמואל צורף, און זיין ברודער הרה"ק רבי נתן.

נאך די הסתלקות פון הרה"ק **רבי נפתלי פון ליזענסק** איז אריינגעגאנגען זיין פלומעניק הרה"ק **רבי אלימלך רודניקער** אין אוהל און ער האט אויסגערופן "אויב מ'וועט נישט מאכן קיין פלאץ פאר'ן פעטער, וועל איך מתיר זיין דעם חרם, און איך וועל אים לייגן אינעווייניג", און אויף אן אופן פלא איז דארט געווארן פלאץ, און מ'האט אים דארט געלייגט.

אויך האט ער נאכדערציילט בשם הרה"ק רבי איציקל מפשעווארסק זי"ע אז ווען הרה"ק רבי אלימלך רודניקער איז געווען א קליין קינד פון 6-7 יאר אלט, האט אים זיין פאטער - הרה"ק רבי מענדל בער בהרה"ק ר' אלעזר בן הרה"ק ר"ר אלימלך מליזענסק זי"ע - מיטגענומען מיט זיך צו הרה"ק **רבי ר' מענדל'ע רימנוב'ער זי"ע**, און זייענדיג דארט אין בית המדרש שטייענדיג נאנט צום רבי'ן ר' מענדלע, דארט איז געווען א יונגערמאן וואס האט נאר גערעדט אויף לשון הקודש, און ער האט געפרעגט דאס קינד "כמה לקה השעה" - ווייל מ'פלעגט הערן יעדע שעה וויאזוי דער זייגער קלאפט - עס איז דעמאלטס געווען צען אזייגער, האט דאס קינד געענטפערט "עשר מכות".

ווען הרה"ק רבי מענדלע מרימנוב האט דאס געהערט און ער האט געשמייכלט און ער האט הנאה געהאט פון דעם שארפן ווארט, ביז ווען הרה"ק מרימנוב האט אמאל געשריבן א בריוו פאר רבי מענדל בער און ער האט צוגעלייגט "ימסור דרישת שלום לבנו החכם".

## די 'קאלטענעס' פון רבי אלימלך

### עס דערציילט אונזער זיידע
### הרה"ח ר' שמואל חיים ליפשיץ ז"ל

זיין זיידע **הרה"ח ר' שלום ליפשיץ ז"ל** איז געווען שוחט אין סאלקע, מ'האט אים גערופן "רבי שלום שוחט".

ער איז אמאל געפארן אויף שב"ק צו **הרה"ק רבי ישעי'לע קערעסטירער זצוק"ל**. ווי באקאנט האט ר' ישעי'לע געפירט זייער גרויסע מלוה דמלכא'ס יעדע וואך, ער האט צוגעגרייט גרויסע סעודות, און עס פלעגט קומען צו פארן אן עולם חסידים. איז געווען איינע פון די חשוב'ע כיבודים ווען ר' ישעי'לע האט מכבד געווען צו דערציילן א מעשה פון צדיקים תלמידי הבעש"ט זי"ע.

ר' ישעי'לע האט יענע וואך אויסגערופן "ר' שלום שוחט, א עובדא!". האט מיין זיידע דערציילט א מעשה פון **הרה"ק רבי ר' אלימלך מליזענסק זי"ע**, אינמיטן די מעשה האט ער געזאגט אז כידוע האט רבי ר' אלימלך זי"ע געהאט א רויטע בארד מיט קאלטענעס (קאלטענעס מיינט א פארקניפטע בארד).

ווען ער האט געענדיגט דערציילן די מעשה האט זיך רבי ישעי'לע אנגערופן "דאס אז דער רבי ר' אלימלך האט געהאט א רויטע קאלטענעס בארד ווייס איך אויך, ווייל איינמאל בין איך געפארן קיין ליזענסק אויף די יארצייט, אויפ'ן וועג האב איך איינגעדרימעלט און כ'האב געזעהן דעם רבי'ן ר' אלימלך און ער האט מיך געבעטן אז איך זאל מקרב זיין זיינע אייניקלעך".

"איין סטאנציע פאר ליזענסק איז ארויפגעקומען אויפן באן אן אייניקל פון רבי ר' אלימלך און כ'האב אים אהינגעגעבן דאס גאנצע געלט וואס כ'האב פארמאגט".

"דעמאלטס האב איך געזעהן אז רבי אלימלך האט געהאט א רויטע בארד מיט קאלטענעס". זי"ע.

## דער תפארת שלמה אין ליזענסק

### עס דערציילט מיין זיידע
### כ"ק אדמו"ר מליזענסק ירושלים שליט"א

עס האט אים דערציילט א איד מיטן נאמען **הרה"ח ר' אברהם יעקב אויסאיבל ז"ל** אז דער הייליגער **תפארת שלמה** זי"ע פלעגט פארן יעדעס יאר צום יארצייט פונעם

הייליגן **רבי'ן ר' אלימלך זי"ע** קיין **ליזענסק** מיטן באן. די באן האט זיך אפגעשטעלט אויף פארשידענע סטאנציעס אונטערוועגנס, און אידן פלעגן ארויפקומען און מיטפארן מיט די באן קיין ליזענסק.

דער תפארת שלמה איז אבער געווען א כהן, און אנקומענדיג קיין צאנז האט ער נישט געקענט אריינגיין אינעם בית החיים, נאר ער איז געשטאנען פונדערויסן און פון דארט מתפלל געווען.

נעבן דעם בית החיים איז געשטאנען א קליינע הייזקעלע, וואו עס האט געוואוינט א גוי, און דער תפארת שלמה פלעגט דארט אריינגיין זיך אפרועהן. איינמאל האט דער תפארת שלמה געגעבן א ברכה פאר דעם גוי אז ער זאל לעבן אזוי לאנג ווי דער בוים נעבן זיין הייזקעלע שטייט...

האט רבי אברהם יעקב ז"ל דערציילט אז ער האט אלס אינגל געוואוינט אין ליזענסק, און ער האט נאך געדענקט דעם אלטן גוי, ער איז שוין אלט געווען נאנט צו 120 יאר. ווען די חברה קדישא אין ליזענסק האט זיך גענויטיגט אין א נייע "טהרה שטובל" האט עמיצער געגעבן די עצה אז מ'זאל נעמען די הייזקעלע פונעם גוי פאר דעם צוועק.

ביינאכט איז געגאנגען איינער פון די חברה קדישא און ער האט אראפגעהאקט דעם בוים נעבן דאס הויז, יענעם טאג איז דער גוי געשטארבן, און מען האט גענומען זיין הויז און געמאכט דערפון א 'טהרה שטובל', דעמאלטס האבן אלע געזעהן דעם גרויסן כח פון הייליגן תפארת שלמה זצוק"ל.

## אהר"ן עומד ומטיב את הנרות

### עס דערציילט מיין טאטע
### הרה"ח ר' יואל בר"ש לאנדא הי"ו

המשך פון עניני הדרכה און הנהגה וואס איך האב זוכה געווען צו זעהן און צו לערנען ביי מו"ר **הגה"צ רבי אהרן קאהן זצ"ל** בהיכל הישיבה הק' אין קרית יואל.

**א.** ווען איך בין געווען א חתן איז הגה"צ אב"ד ור"מ דקהלתינו הק' בוויליאמסבורג שליט"א געפארן אויף א נסיעה צו קברי אבות, דער ציהל איז געווען צו זיין ו' אלול אין סיגעט ביודה"ל פונעם ייטב לב זי"ע. מיין טאטע שליט"א האט געהאט חשק אז זאל מיטפארן אויף די נסיעה זיך אויסבעטן אלעס גוטס פאר די

חתונה, זענען מיר אריין צו כ"ק מרן רבינו שליט"א, און מיין טאטע האט געבעטן אז דער רבי זאל זאגן פארן חתן ווי אזוי מ'דארף זיך אכטונג געבן די אויגן זייענדיג על אם הדרך אויפן עירפארט וכדומה.

רבינו שליט"א האט זיך אנגערופן "שמירת עינים דארף מען האבן איבעראל, מ'דארף זיך אכטונג געבן די אויגן אינדערהיים, און מ'דארף זיך אכטונג געבן די אויגן אויפן וועג", די כוונה איז געווען קלאר אז א בחור וואס קען זיך היטן די אויגן קען פארן על אם הדרך, און אויב קען ער זיך נישט היטן די אויגן איז א שאד יעדעס ווארט.

ב. דערויף בין איך צוריק געגאנגען אין די ישיבה, און איך האב דערציילט פאר מו"ר רבי אהרן זצ"ל אז איך ריש זיך צו פארן צו מקומות הק', און איך האב אים געפרעגט הדרכה צו די נסיעה, און איך האב געפרעגט 'ילמדנו רבינו, וואס בעט מען בשעת ווען מען לאנט זיך אן אויפן שטיין?".

זאגט ער מיר "גוט אז דו פרעגסט", קודם האט ער געזאגט הוראות בעניני הלכה, אז "מ'טאר נישט בעטן בבחינת דורש אל המתים, מ'טאר נישט בעטן פונעם נפטר גארנישט, נאר אז ער זאל בעטן פאר אונז אויבן אין הימל, אבער די עיקר עבודה איז לטובת די נשמה פונעם נפטר, און ער זאל בעטן פארן כסא הכבוד, און ער זאל בעטן לזכותו, ער האט געזאגט דעם לשון "יהי רצון שתנוח במנוחה נכונה בקבר".

נאכדעם האט ער געזאגט "אידן פארן היינט אויף מקומות הק', זיי ווילן פועל'ן ישועות, מיט וואס פארא כח ווילן זיי פועל'ן ישועות? ווייל די גמרא זאגט אין מס' קידושין ישב ולא עבר עבירה הרי הוא כעושה מצוה, זאגט דארט רש"י 'אם בא עבירה לידו', און ער האט זיך מתגבר געווען אויף די עבירה דעמאלטס איז ער כעושה מצוה.

האט רבי אהרן ז"ל געזאגט אזוי: היינט צו טאגס, איינער וויל פארן אויף מקומות הק', ער קומט אין עירפארט, עס איז דא נסיונות, און ער היט זיך אפ די אויגן, ער האט שמירת עינים, דאס איז ביי איהם גערעכנט ווי ער איז אן עושה מצוה יעדע רגע וואס ער גיט זיך אכטונג די אויגן, און די עבודה פון שמירת עינים בשעת די נסיעה, אז ער קומט אן צו קברי צדיקים און זיינע אויגן זענען ריין, ער האט זיך אפגעהיטן און אכטונג געגעבן אויפן גאנצן וועג ביז אהער קען ער פועל'ן ישועות".

ג. נאכדעם האט ער מיר געזאגט א דבר פלא, ער האט געוואלט וויסן ווען עס איז אונזער חשבון צו זיין אין ליזענסק ביים ציון פון רבי'ן רבי אלימלך זי"ע, און ער האט געזאגט **"במשך די גאנצע צייט וואס דו וועסט זיין ביים ציון ביים הייליגן רבי'ן רבי אלימלך זי"ע, ווייל איך האבן מיט דיר א קשר צום ציון הק', איך וועל בע"ה אינזינען**

**האבן ברכת ׳אשר יצר׳ מלה במלה, בשעת דו וועסט זיין ביים ציון, און דו וועסט אויך אינזינען האבן די פירוש המילות איידער מ׳גייט ארויף צום ציון מלה במלה בכוונה רבה, אזוי וועלן מיר זיין פארבינדן".**

**איך קען אזויפיל זאגן, מיר זענען אנגעקומען קיין ליזענסק זייענדיג זייער אויסגעמוטשעט און שטארק פארמאטערט, אבער איך האב גוט געדענקט די ווערטער וואס מו"ר זצ"ל האט מיר אנגעזאגט, און זאגנדיג ברכת ׳אשר יצר׳ איידער איך בין ארויף צום ציון הק׳ האב איך שטארק מצמצם געווען די מחשבות, און איך האב ערנסט אינזינען געהאט יעדעס ווארט בכוונה גמורה, און איך האב דאן געשפירט א אויסטערלישע התעוררות זייענדיג ביים הייליגן ציון הק׳.**

## וויפיל מלאכים אזויפיל פירושים אויפן נועם אלימלך

### עס דערציילט אונזער עלטער-פעטער
### כ"ק אדמו"ר מקאלוב שליט"א
### רבי משה בן ריזל לרפו"ש

אין ארץ ישראל געווען א שטארקע חשוב׳ער איד ר׳ אלעזר בריזל, ער האט מיר דערציילט א מעשה וואס ער האט געהערט פון זיין פאטער רבי דוד, וואס איז געווען א באקאנטער חסיד׳ישער איד.

ר׳ דוד׳ס פאטער ר׳ הירש יעקב איז געווען אין שינאווע שבת פאר ז׳ אדר, און דער שינאווער רב האט אים געזאגט "איך, אז מ׳דערציילט מיר א מעשה, דארף עס זיין אינגאנצן פונקטליך, אויב איז עס נישט אינגאנצן פונקטליך קען איך עס נישט פארנעמען, אויף אייער זיידע רבי יוסף נאנאשער זאגט מען נאך, אז ווען א איד האט נאר געוואלט עפעס דערציילן האט ער אויסגעהערט צו טון א חסד, אבער נאכזאגן האט ער נישט געוואלט נאר א זאך וואס איז שטארק מדיוק, דערציילט עפעס וואס איר האט געהערט פון אייער טאטע בשם זיין פאטער".

האט ער געזאגט "דער טאטע האט אמאל געהערט פון זיין טאטע רבי יוסף, אז ווען ער איז געווען אמאל אין ראפשיץ, האט ער געזעהן דארט עפעס א אינגערמאן נאך די חתונה, האט ער געפרעגט ווער איז דאס? האט מען איהם געזאגט אז דאס איז רבי אלימלך רודניקער אן אייניקל פונעם רבי׳ן ר׳ אלימלך. האט ער געטראכט אז

׳אן אייניקל פונעם רבי׳ן ר׳ אלימלך וויל איך מהנה זיין, האט ער גענומען עפעס א סכום און איהם ארייגערוקט אין די טאש".

רבי אלימלך רודניקער האט זיך געגעבן א דריי אויס, און געזעהן אז רבי יוסף איז דער וואס האט ארייגעשטופט די געלט, האט ער זיך אנגערופן: "אה, ר׳ יוסף דער אונגארישער, פארוואס ווילט איר מיך שוין מאכן פאר א מקבל?!".

האט רבי יוסף נאנאשער געענטפערט "איך זעה אן אייניקל פון דער רבי ר׳ אלימלך, וויל איך איהם מהנה זיין, איך האב געהערט פון מיין רבי דער קאלובער רבי, אז ער האט געוואלט מאכן א חיבור א פירוש אויף נועם אלימלך, עס זאל זיין אזוי גרויס ווי יבמות, כתובות, קידושין, א ש"ס גמרא, **האט מען מיך געוויזן אין חלום פון הימל וויפיל מלאכים עס זענען באשאפן געווארן פון די מצוות פונעם רבי׳ן ר׳ אלימלך, אזויפיל פירושים זענען דא אויף נועם אלימלך".**

ווען ר׳ הירש יעקב האט געענדיגט דערציילן די מעשה, האט דער שינאווער רב זיך צוזאמען געקלאפט די הענט און געזאגט: **"נו, זעהט עטס, איך האב שוין די מעשה געהערט אסאך מאל, איינער האט געזאגט פ׳ אלף פירושים, איינער האט געזאגט ת׳ אלף פירושים, יעצט הער איך א מעשה"...**